# HIV אין NYC 2024

NYC HIV איבערזיכט דאטא ווערט גענוצט צו פלאנירן און איינפירן HIV פארמיידונג, טעסטינג, קעיר, און באהאנדלונג איניציאטיוון צו פארבעסערן די געזונטהייט פון ניו יארקער. אום 2024, איז די צאל פון מענטשן וואס זענען געווארן דיאגנאזירט מיט HIV צום ערשטן מאל (1,791) א הערכונג פון 5.4 פראצענט פון 2023. אינפארמאציע וואס ציגט העכערונגען און אומגלייכקייטן פון ניי דיאגנאזן שטרייכט אונטער די געברויך פאר אנגייענדע און אפילו שטערקערע HIV פובליק העלט אנטוואורט.

## 1,791 מענטשן זענען דיאגנאזירט געווארן צום ערשטן מאל מיט HIV אין NYC אין 2024 — א הערכונג פון **5.4%** פון 2023.

פראפארציע פון מענטשן דיאגנאזירט מיט HIV צום ערשטן מאל אין NYC לויט ראסע און עטנישקייט

פראפארציע פון NYC באפעלקערונג לויט ראסע און עטנישקייט



**85% פון מענטשן דיאגנאזירט צום ערשטן מאל מיט HIV** זענען **שווארץ** אדער **לאטינא**,[1] אבער די גרופעס האבן נאר אויסגעמאכט **50% פון ניו יארק סיטי'ס באפעלקערונג.**

צווישן **מענטשן דיאגנאזירט מיט HIV צום ערשטן מאל:**

- **75%** זענען געווען מענער
- **20%** זענען געווען פרויען
- **4%** זענען געווען טראנס-דזשענדער פרויען
- **< 1%** זענען געווען טראנס-דזשענדער מענער
- **< 1%** האבן געהאט נאך דזשענדער אידענטיטעטן[2]

**66%** זענען **אין די עלטער פון 20 ביז 39** יאר

| | |
|---|---|
| 0 ביז 12 | < 1% |
| 13 ביז 19 | 3% |
| **20 ביז 29** | 34% |
| **30 ביז 39** | 32% |
| 40 ביז 49 | 16% |
| 50 ביז 59 | 9% |
| 60+ | 7% |



**96%** האבן זייער מעגליך באקומען HIV דורך **געשלעכטליכע באציאונגען** און **3%** האבן באריכטעט א **היסטאריע פון נוצן איינשפריץ דראגס**[3,4]



**65%** זענען געווען **מענער וועלכע האבן געהאט געשלעכטליכע באציאונגען מיט מענער**[3,4]

## א געשאצטע **91,300** מענטשן מיט HIV האבן געוואוינט אין NYC אין 2024.

פון יעדע 100 מענטשן מיט HIV אין NYC:

- **94** זענען געווארן דיאגנאזירט
- **87** האבן באקומען HIV מעדיצינישע באהאנדלונג
- **83** זענען פארשריבן געווארן HIV באהאנדלונג מעדיצינען
- **81** זענען געווען ווייראל אונטערגעדריקט

**ווייראל אונטערדרוקונג**[5] צווישן מענטשן מיט HIV איז געווען אנדערש געווענדט אין ראסע און עטנישקייט.[1]

| | |
|---|---|
| שווארץ | 77% |
| לאטינא | 81% |
| ווייס | 89% |
| אזיאן אדער פון פאסיפיק אייזלענדער | 83% |
| נעיטיוו אמעריקאנער | 76% |
| אויסגעמישט | 74% |

## אינפארמאציע און ריסאורסעס איבער HIV פארמיידונג, טעסטינג און באהאנדלונג זענען פאראן אין NYC.

### פארמיידונג

אין צוגאב צו קאנדאמס און אנדערע אפהאלטונגס מיטלען, זענען פאראן זיכערע און ווירקזאמע מעדיצינען וואס יעדער איינער קען נעמען צו פארמיידן HIV.

- באהאנדלונג פאר'ן ווערן אויסגעשטעלט (pre-exposure prophylaxis, PrEP) פארמיידט HIV פון פאראויס.
- באהאנדלונג נאכ'ן ווערן אויסגעשטעלט (post-exposure prophylaxis, PEP) איז אן עמערדזשענסי מעדיצין וואס קען פארמיידן HIV פריער אינפעקציע ביז עס ווערט גענומען גלייך נאכ'ן ווערן אויסגעשטעלט.

### טעסטינג

איר קענט טרעפן ביליגע אדער אומזיסטע HIV טעסטינג נאנט צו אייך דורך:

- באזוכן א NYC געשלעכטליכע געזונטהייט קליניק, וואו יעדער פון 12 יאר און העכער קען באקומען א געהיימע, אנאנימע טעסט: **nyc.gov/sexualhealthclinics**
- נאכקוקן די NYC Health מאפע: **nyc.gov/health/map**
- שיקן א טעקסט מיט די ווארט "TESTNYC" צו 55676
- רופן **311**
- פאר הילף מיט מעלדן פאר א פארטנער, רופט **311**.

### באהאנדלונג

מעדעצינען צו באהאנדלען HIV זענען פארזיכערט און ווירקזאם און קיינמאל ווי קיינמאל בעפאר.

- אוממעגליך איפצוכאפן = אוממעגליך אריבערצופירן (U=U): מענטשן מיט HIV וועלכע האלטן אינמיטן אריבערגייען באהאנדלונג און האלטן אן אומשפירבארע ווייראל לאוד קענען נישט אריבערפירן HIV דורך געשלעכטליכע באציאונגען.

**באמערקונג:** דאטא באריכטעט פאר די NYC העלט דעפארטמענט ביז מערץ 31, 2025. פאר אינפארמאציע איבער דאטא און ווערטער מיינונגען, און צו ליינען די פולע HIV נאכפאלגונג באריכט, פון 2024, באזוכט **nyc.gov/hivreports**.
[1] ראסע קאטעגאריעס נעמען נישט אריין לאטינא עטנישקייט; מענטשן מיט די לאטינא עטנישקייט זענען צאמגעשטעלט אין די לאטינא קאטעגאריע אפגעזעהן זייער ראסע קלאסיפיקאציע. [2] נאך דזשענדער אידענטיטעטן נעמען אריין נאן-ביינארי, דזשענדער-קוויר, דזשענדער נאן-קאנפארמינג און סיי וועלכע דזשענדער אידענטיטעט וואס איז נישט געווארן אויסגערעכנט אויבן. דזשענדער אידענטיטעטן זענען באזירט אויף באגרעניצטע באריכטעטע HIV נאכפאלגונג דאטא און ווערן אויסגערעכנט אן א כוונה צו מאכן א ראנג אויסשטעל אדער פריאריטעט. [3] פראצענטן נעמט נישט אריין מענטשן מיט אומבאקאנטע אריבערפירונג אינפארמאציע (n = 582). [4] מענער וועלכע האבן געשלעכטליכע באציאונגען מיט מענער נעמט נישט אריין מענער וועלכע האבן געשלעכטליכע באציאונגען מיט מענער און האבן א היסטאריע פון נוצן איינשפריץ דראגס. [5] מענטשן וועלכע האבן געהאט אן אומשפירבארע ווייראל לאוד (א ווייראל לאוד פון ווייניגער ווי 200 קאפיעס פער מיליליטער) אין זייער לעצטע טעסט אין 2024 זענען באטראכט געווארן אלס ווייראל אונטערגעדרוקט.

פאר מער אינפארמאציע און ריסאורסעס איבער HIV אין NYC, סקענט די QR קאוד אדער באזוכט **nyc.gov/health/hiv**.
פאר מער אינפארמאציע און ריסאורסעס איבער STI'ס, באזוכט **nyc.gov/sti**.

10.25 Yiddish

NYC Health